

# שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע

## לערנט איבער טעסטס און באהאנדלונגען

טובערקולאז (Tuberculosis, TB) באצילן קענען פאראורזאכן א קראנקהייט וואס איז א לעבנ'ס געפאר. צום מזל, קענען מענטשן מיט **א טובערקולאז אינפעקציע** באהאנדלט ווערן בעפאר זיי ווערן קראנק דערפון.

- **לערנט** איבער **טובערקולאז אינפעקציע**.
- **טעסט זיך** אויב איר האט גרעסערע אויסזיכטן דערפון.
- **באקומט באהאנדלונגען** אויב איר האט א **טובערקולאז אינפעקציע**.

# לערנט

**א טובערקולאז אינפעקציע** ווערט פאראורזאכט דורך א באקטעריע וואס הייסט *Mycobacterium tuberculosis*. א מענטש וואס פילט געזונט און שטארק קען נאכאלץ האבן א טובערקולאז אינפעקציע. דאקטוירים רופן אזא אינפעקציע **א שלאפעדיגע אדער "לעיטענט" טובערקולאז אינפעקציע**. "לעיטענט" מיינט אז עס איז נישט אקטיוו.

- די אינפעקציע קען בלייבן אין אייער קערפער פאר א לאנגע צייט. עס קען עווענטועל זיך אויפוועקן און אייך מאכן זייער קראנק.
- ווען א מענטש ווערט קראנק פון די אינפעקציע, רופט זיך דאס **אקטיווע טובערקולאז אינפעקציע**.
- נעמען מעדיצין פאר טובערקולאז אינפעקציע קען אייך באשיצן פון אנטוויקלען **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**.
- **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט** איז אן ערנסטע קראנקהייט, און מענטשן קענען שטארבן דערפון אויב עס ווערט געלאזט אומבאהאנדלט.

איר קענט נישט פארשפרייטן **א שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע** צו אנדערע. אויב איר ווערט אבער קראנק מיט אן **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**, קענט איר יא אויך מאכן אנדערע מענטשן קראנק. איר קענט פארשפרייטן **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט** בלויז דורכן היסן אדער רעדן.



# לערנט

## וויאזוי קוקט א שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע אויס?

**א שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע** פאראורזאכט נישט קיינע סימפטאמען, און דערפאר קוקט עס נישט אויס ווי גארנישט. די איינציגסטע וועג צו וויסן פאר זיכער איז דורכן מאכן א טובערקולאז טעסט.

## וויאזוי קוקט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט אויס?

### מענטשן מיט אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט וועלן מעגליך האבן:

- א הוסט וואס גייט נישט אוועק
- א הויכע פיבער
- שוויצן באנאכט
- עקסטרעמע אויסגעמוטשעטקייט
- פארלירן וואג

**וויאזוי קען איך באשיצן זיך אליין און מיין פאמיליע? גייט זיך טעסטן און באקומט באהאנדלונג.**

## א געשיכטע איבער שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע

"עטליכע יאר צוריק האב איך באקומען א פאזיטיווע בלוט טעסט פאר טובערקולאז. מיין דאקטאר האט מיר געזאגט אז איך האב א **שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע**.
איך האב זיך געפילט גוט, און דערפאר האב איך נישט גענומען די מעדיצין וואס זי האט מיר פארשריבן. פארגאנגענע חודש בין איך זייער קראנק געווארן מיט א פיבער און א הוסט. יעצט האב איך **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**.
איך דארף יעצט נעמען אסאך מעדיצין. איך האב מעגליך גורם געווען אז אנדערע מענטשן זאלן קראנק ווערן. דאס אלעס וואלט נישט פאסירט וואלט איך ווען גענומען מיין מעדיצין פריער ווען איך בין געוואויר געווארן אז איך האב א **טובערקולאז אינפעקציע**."

# גייט זיך טעסטן

## וויאזוי קען איך וויסן אויב איך האב א טובערקולאז אינפעקציע? די איינציגסטע וועג צו וויסן איז דורכן מאכן א טעסט.

### גייט זיך טעסטן אויב די ענטפער אויף כאטש איינע פון די פאלגנדע פראגן איז יא:

- האט איר געוואוינט מיט אדער פארברענגט צייט מיט איינעם וואס האט מעגליך אדער זיכער געהאט **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**?
- צו לעבט איר מיט HIV, צוקער קראנקהייט, קענסער אדער אן אנדערע מעדיצינישע פראבלעם וואס קען אפשוואכן אייער אימיון סיסטעם?
- צו נעמט איר סיי וועלכע מעדיצין וואס שוואכט אפ אייער אימיון סיסטעם?
- זענט איר געבוירן געווארן אין- זענט איר געפארן צו- אדער האט איר געוואוינט אין (פאר מער פון 30 טעג אין א ציה) א פלאץ וואו טובערקולאז איז פארשפרייט, צום ביישפיל אפריקע, אזיע, מעקסיקאו, צענטראל אדער דרום אמעריקע, די קאראיבן אדער מזרח אייראפע?

**בעהט אייער דאקטאר פאר א בלוט טעסט פאר טובערקולאז אינפעקציע.**

## א געשיכטע איבער שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע

"איך קום פון א לאנד וואו אסאך מענטשן האבן טובערקולאז. מיין דאקטאר האט מיר געגעבן א בלוט טעסט. די טעסט איז צוריקגעקומען פאזיטיוו. אפילו איך האב נישט געפילט קראנק, בין איך געווען פרייליך צו אויסגעפונען דעריבער. איך באקום באהאנדלונגען פאר מיין **שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע** כדי איך זאל נישט קראנק ווערן מיט **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט**."

# באקומט באהאנדלונג

## איך האב אויסגעפונען אז איך האב א **שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע**.
## וואס טוט מען יעצט?

רעדט צו אייער דאקטאר איבער וועלכע באהאנדלונג איר זאלט באקומען. עס זענען דא פארשידענע באהאנדלונג אפציעס. באהאנדלונג פאר **שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע** העלפט אייך באשיצן פון קראנק ווערן מיט **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט** וואס קען זיך פארשפרייטן צו אנדערע מענטשן.

**באקומען באהאנדלונג וועט באשיצן אייך אליין און אייערע באליבטע.**

## א געשיכטע איבער שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע

"איך האב געמיינט אז באהאנדלען מיין **שלאפעדיגע טובערקולאז אינפעקציע** וועט נעמען גאר א לאנגע צייט. מיין דאקטאר האט מיר דערציילט איבער א נייערע און קורצערע באהאנדלונג. עס האט גענומען בלויז דריי חודשים. איך האב געדארפט נעמען מעדיצין נאר איינמאל א וואך. יעצט אז איך בין פארטיג, בין איך נישט באזארגט אז איך וועל באקומען **אקטיווע טובערקולאז קראנקהייט** און עס פארשפרייטן צו מיין פאמיליע."

# הילפס-מיטלען

- NYC Health Map (NYC געזונטהייט מאפע): **nyc.gov/health/map**
  - די NYC העלט דעפּארטמענט'ס Chest Centers (ברוסטקאסטן צענטערן) שטעלן צו אומזיסטע אונטערזוכונגען און באהאנדלונגען פאר טובערקולאז אין אייער שפראך. זיי פרעגן נישט איבער אייער אימיגראציע סטאטוס.
- צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC) פערזענליכע טובערקולאזע געשיכטעס: **cdc.gov/tb/topic/basics/personalstories.htm**
- We Are TB פאציענטן שטיצע נעטווארק: **wearetb.com**

**גייט זיך טעסטן און באקומען באהאנדלונגען צו באשיצן זיך אליין און אייערע באליבטע.**

פאר מער אינפארמאציע, רעדט צו אייער דאקטאר אדער באזוכט **nyc.gov/health/tb**.

NYC Health